# הבינוני

פרשת שלח ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון קט

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש


בר אבטח א | המקבל עליו עול תורה י | עבודה למחשבה ח

## בר אבטח

## מְנוּחַת נֶפֶשׁ הַבּוֹטֵחַ;

די תענוג פון בטחון וואָס גיט אַריין אַ נייע לעבן

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור נב, יום ראשון פרשת במדבר, כ"ג אייר תש"פ

**חלק א**

א

## להבין ולהשכיל; פאַרשטיין און ריכטיג אָפּלערנען די מהות פון בטחון

**אותיות מחכימות** — חובת הלבבות שער הבטחון פרק א'

אַךְ מַהוּת הַבִּטָּחוֹן הוּא מְנוּחַת נֶפֶשׁ הַבּוֹטֵחַ, וְשֶׁיִּהְיֶה לִבּוֹ סָמוּךְ עַל מִי שֶׁבָּטַח עָלָיו, שֶׁיַּעֲשֶׂה הַטּוֹב וְהַנָּכוֹן לוֹ בָּעִנְיָן אֲשֶׁר יִבְטַח עָלָיו, כְּפִי יְכָלְתּוֹ וְדַעְתּוֹ בַּמֶּה שֶׁמְּפִיק טוֹבָתוֹ.

אֲבָל הָעִקָּר אֲשֶׁר בַּעֲבוּרוֹ יִהְיֶה הַבִּטָּחוֹן מִן הַבּוֹטֵחַ, וְאִם יִפָּקֵד לֹא יִמָּצֵא הַבִּטָּחוֹן, הוּא שֶׁיִּהְיֶה לִבּוֹ בָּטוּחַ בְּמִי שֶׁיִּבְטַח בּוֹ שֶׁיְּקַיֵּם מַה שֶּׁאָמַר, וְיַעֲשֶׂה מַה שֶּׁעָרֵב, וְיַחֲשֹׁב עָלָיו הַטּוֹב בְּמַה שֶּׁלֹּא הִתְנָה לוֹ וְלֹא עָרַב עֲשׂוֹתוֹ - שֶׁיַּעֲשֵׂהוּ נְדָבָה וְחֶסֶד.

### דער ערשטער פּרק: די באַדייט פון 'בטחון'

ווען מ'הייבט אָן צו לערנען דעם 'פּרק ראשון' פון 'שער הבטחון', דאַרף מען מקדים זיין, אַז דער שיעור איז אַנדערש ווי די פריערדיגע שיעורים. ווייל דער חובת הלבבות האָט געבויט זיין ספר - נישט בלויז אין שער הבטחון, נאר אין אַלע אַנדערע שערים - אַז **אין דעם ערשטן פּרק פון יעדן שער שטעלט ער קודם אַראָפּ דעם יסוד: "וואָס איז בעצם די זאַך פון וואָס מען גייט דאָ רעדן"**. דערנאָך, אין די קומענדיגע פּרקים, איז ער מבאר 'וויאַזוי' מ'קומט אן דערצו, ווי וויכטיג ס'איז, און אַלע פּרטים אַרום דעם ענין.

ביז יעצט האָבן מיר געלערנט די פּתיחה פון שער הבטחון, וואו דער חובת הלבבות האָט באריכות מסביר געווען די רווחים וואָס דער בעל בטחון פאַרדינט. ער האָט צוערשט אויסגערעכנט אַ לאַנגע ליסטע פון תועלת'ן וואָס מ'באַקומט דורך בטחון **לגבי די ענינים פון תורה ותפלה**. דערנאָך האָט ער אויסגערעכנט אַ לאַנגע ליסטע פון תועלת'ן וואָס מ'באַקומט דורך בטחון **לגבי וועלטליכע זאַכן**; בטחון מאַכט אַז מ'זאָל נישט האָבן קיין דאגות, מ'זאָל נישט דאַרפן אַרבעטן שווער פאַר פּרנסה, א.א.וו.

אַצינד, אין דעם ערשטן פּרק, גייט דער חובת הלבבות נישט רעדן **ווי וויכטיג** ס'איז צו האָבן בטחון; ער גייט נישט יעצט זאָגן **וויאַזוי** מ'קומט אָן צו בטחון; און ער גייט אויך נישט ברענגען קיין **מקורות פון פּסוקים** אויף דעם ענין פון בטחון. דער חובת הלבבות גייט דאָ אַראָפּשטעלן איין פּשוט'ע הבנה: **וואָס איז די אָפּטייטש פון דאָס וואָרט 'בטחון'?** וואָס איז די באַדייט דערפון ווען אַ מענטש פאַרלאָזט זיך אויף עפּעס? **וואָס איז דער מציאות אין דעם 'נפש האדם' ווען ער געטרויעט אַ צווייטן?**

### דאָס וויכטיגקייט פון דערהערן דער מהות פון בטחון

מיר זענען צוגעוואוינט צו טראַכטן, אַז מיר ווייסן שוין זייער גוט דעם פּשוט'ן אָפּטייטש פון 'בטחון'. נאר מ'קען זיך אָנהויבן מפלפל זיין אין פאַרשידענע פּרטים פון בטחון: ווען הייסט עס בטחון און ווען איז עס בלויז עצלות; מעג מען האָבן בטחון אין ענינים פון רוחניות; וויאַזוי זאָל מען נוצן בטחון ריכטיג; און אַזוי ווייטער אַלע סאָרט ספיקות און דעטאַלן. אָבער דער חובת הלבבות האָט אונז צוערשט אַראָפּגעשטעלט אַ גאַנצן פּרק צו מבאר זיין: **וואָס איז בכלל דער מציאות פון בטחון אין דעם מענטש'נס הארץ.**

דער חובת הלבבות האָט דאָ געווידמעט אַ גאַנצן פּרק אין שער הבטחון, **בלויז אויף דער נקודה!** די ערשטע פּרק איז טאַקע נאר עטליכע שורות, דערנאָך גייט מען שוין גלייך אַריבער צום צווייטן פּרק. וויבאַלד מ'דאַרף דאָס אַוועקשטעלן באַזונדער מיט אַ שטאַרקע הבנה, אָן צו אַריינגיין אין אַנדערע זאַכן. ס'איז זייער וויכטיג אָפּצולערנען און דורכצוטון וואָס איז די גענויע טייטש פון 'בטחון', ווייל **רוב טעותים אין דער סוגיא פון בטחון קומט ווייל מ'האָט נישט ריכטיג אַראָפּגעשטעלט דעם יסוד אין אָנהויב!**

### די עיקר איז דער יסוד הדבר

יעדעס מאָל ווען מ'איז עוסק אין אַ זאַך און מ'טרעפט זיך שפּעטער אַז מ'האָט געמאַכט אַסאַך טעותים, קומט דאָס געווענליך צוליב דעם, **ווייל דער מענטש האָט נישט צופיל אַריינגעטראַכט אין אָנהויב.** ער פאָרט ווייטער און ס'קוקט אים אויס אַז ער ווייסט וואָס טוט זיך, אָבער אַסאַך שפּעטער כאַפּט ער זיך, אַז אין אָנהויב האָט ער נישט גוט אַראָפּגעשטעלט דעם יסוד.

אַ משל דערצו איז דער 'סאדאקא' שפּיל, וואו מ'פילט אַריין נומערן אין ניין קעסטעלעך און דאָס דאַרף שטימען אויף אַלע זייטן. צומאָל, ווען מערסטנס קעסטעלעך זענען שוין אַריינגעפולט, זעט מען אַז עפּעס טויג נישט דאָ מיט די ציפערן... בדרך כלל פּאַסירט דאָס, **ווייל אין אָנהויב האָט דער מענטש נישט געהאַט די נערוון צו גרינטליך בודק זיין אַלע זייטן.** ווען ער וואָלט עס גרינטליך דורכגעטון ביי די ערשטע קעסטלעך וואָלט ער שפּעטער געקענט

גיין גיכער. אָבער היות ער איז צוערשט געגאַנגען שנעל, קומען אַן די טעותים אַסאַך שפּעטער און יעצט איז שוין שווער צו כאַפּן וואו די טעות איז דאָ געווען לכתחלה.

## פאַרשטיין וואָס מיינט בטחון

לאָמיר אַלזאָ לערנען וואָס דער חובת הלבבות זאָגט אונז אין דעם ערשטן פּרק: **צו פאַרשטיין וואָס איז דער מציאות פון בטחון.**

מ'דאַרף נאָכאַמאָל קלאָר מאַכן: דער חובת הלבבות איז דאָ נישט מסביר '**וואָס**' איז די מצוה פון בטחון. בכלל נישט! דער חובת הלבבות איז אויך נישט מסביר '**וויאַזוי**' מ'האָט בטחון אויפ'ן אויבערשטן. דער חוה"ל ערקלערט דאָ בלויז איין יסוד: **וואָס איז די מהות פון בטחון**; וואָס מיינט די זאַך אַז מען געטרויעט אַ צווייטן; און וואָס איז די אָפּטייטש פון דער תכונה אַז די נפש האדם פאַרלאָזט זיך אויף אַ צווייטן.

ווען מיר גייען דאָס פאַרשטיין, **וועט דאָס אונז ברענגען אַ גרויסע נפקא מינה** און אַ געוואַלדיגע תועלת אין דער סוגיא פון בטחון בהשי"ת.

## די אויספיר פון דער פתיחה צום 'שער הבטחון'

דער חובת הלבבות ענדיגט צו זיין פּתיחה: **וְכֵיוָן שֶׁבֵּאַרְתִּי מִתּוֹעֲלוֹת הַבִּטָּחוֹן בֶּאֱלֹקִים וַהֲנָאוֹתָיו בַּתּוֹרָה וּבָעוֹלָם מָה שֶׁנִּזְדַּמֵּן לִי** - נאָכדעם וואָס איך האָב מבאר געווען די תועלת וואָס אַ מענטש האָט פון בטחון בהשי"ת, סיי די הנאות און תועלת וואָס מ'האָט לגבי די תורה, און סיי די הנאות וואָס מ'האָט לגבי וועלטליכע זאַכן. (דער חובה"ל שרייבט 'מה שנזדמן לי' - ער לאָזט נאָך פלאַץ אַז ס'איז דאָ נאָך אַנדערע תועלת'ן, וואָס מ'קען אַלעמאָל צולייגן צו דער רשימה). **אֲבָאֵר עַתָּה מֵעִנְיַן הַבִּטָּחוֹן שִׁבְעָה דְּבָרִים.** - גייט ער יעצט מבאר זיין אין די קומענדיגע זיבן פּרקים, זיבן באַזונדערע זאַכן וואָס זענען נוגע צו דער מדה פון בטחון.

**אֶחָד מֵהֶם, מָה הוּא הַבִּטָּחוֹן.**- די ערשטע פּרק איז געווידמעט צו פאַרשטיין, וואָס איז בכלל די באַגריף פון בטחון.

**וְהַשֵּׁנִי, בְּסִבּוֹת הַבִּטָּחוֹן עַל הַבְּרוּאִים.** - נאָכדעם וואָס מ'ווייסט שוין דאָס באַדייט פון בטחון, וועט מען זען אינעם צווייטן פּרק, די סיבה פאַרוואָס מענטשן זענען צוגעוואוינט צו נעמען די געפיל פון בטחון און עס נוצן כלפּי אַנדערע מענטשן, אַנשטאָט זיי זאָלן עס נוצן כלפּי דעם רבוש"ע. דער חובת הלבבות גייט מסביר זיין וויאַזוי דאָס פּאַסירט, אַז מ'טוישט אויף די בטחון, און מ'פאַרלאָזט זיך אויף דער אומריכטיגער אַדרעס.

**וְהַשְּׁלִישִׁי, בְּבֵאוּר הַהַקְדָּמוֹת אֲשֶׁר בַּעֲבוּרָם יִתְחַיֵּב הַבִּטָּחוֹן בֶּאֱלוֹקִים וְחִיּוּב הָעֵסֶק בַּסִּבּוֹת.** - אין דעם דריטן פּרק וועט ער שטאַרק מרחיב זיין פאַרוואָס ס'איז אַ טעות יעדעס מאָל וואָס מ'פאַרלאָזט זיך אויף אַ נברא. אין דעם פּרק וועט אויך אויסגעשמועסט ווערן דער חיוב פון מאַכן השתדלות און עוסק זיין אין סיבות.

**וְהָרְבִיעִי, בְּבֵאוּר הַדְּבָרִים אֲשֶׁר בָּהֶם יִהְיֶה הַבִּטָּחוֹן וְחִיּוּב שִׁבְחוֹ וּגְנוּתוֹ בָּהֶם.** - אין דעם פערטן פּרק וועט ערקלערט ווערן ביי וועלכן אופן ס'איז אַ דבר משובח אַז מ'האָט דאָרט בטחון, און ביי וועלכן פאַל איז עס אַ דבר מגונה. ווייל מ'קען אַמאָל נוצן בטחון אויף אַ נישט ריכטיגן אופן, ווי לדוגמא לגבי רוחניות.

**וְהַחֲמִישִׁי, בְּהֶפְרֵשׁ שֶׁיֵּשׁ בֵּין עֵסֶק הַבּוֹטֵחַ בֶּאֱלוֹקִים בְּסִבּוֹת הַטֶּרֶף, וּבֵין עֵסֶק מִי שֶׁאֵינוֹ בּוֹטֵחַ בֶּאֱלוֹקִים בָּהֶם.**- אין דעם פינפטן פּרק וועט מען זען דעם חילוק צווישן אַ בעל בטחון וואָס טוט השתדלות אין פּרנסה, און צווישן איינער וועלכער האָט נישט קיין בטחון און מאַכט השתדלות פאר פּרנסה. וואָס איז די נפקא מינה צווישן די צוויי, ווען ס'קומט צו השתדלות.

**וְהַשִּׁשִּׁי, בְּבֵאוּר אָפְנֵי חִיּוּב גְּנוּת דַּעַת הָאוֹמְרִים בַּאֲרִיכוּת הַתַּאֲווֹת בָּעוֹלָם, וּמְיַחֲלִים נַפְשׁוֹתָם בְּקַבָּלַת עֲבוֹדַת הָאֱלֹקִים כְּשֶׁיַּגִּיעוּ לְחֶפְצָם בּוֹ, וְהֵם בַּעֲלֵי הַמַּשְׁכּוֹנוֹת.** - אין דעם זעקסטן פּרק גייט דער חובת הלבבות אָפּלערנען די סיבות וואָס פאָדערט צו מגנה זיין די מיינונג פון אַזעלכע וואָס מיינען אַז צוערשט מעג אַ מענטש עוסק זיין צו באַקומען אַלע תאוות פון דער וועלט, און הערשט נאָכדעם וועט ער זיך אָפּגעבן מיט עבודת ה'. די סאָרט מענטשן ווערן אָנגערופן 'בעלי משכונות', ווייל ס'איז כאילו זיי ווילן נעמען אַ משכון פון השי"ת, צו הנאה האָבן פון דער וועלט, כדי אַז נאָכדעם זאָלן זיי אים 'באַצאָלן' מיט'ן אים דינען.

**וְהַשְּׁבִיעִי, בְּמַפְסִידֵי הַבִּטָּחוֹן בֶּאֱלֹקִים וְכָל מַה שֶּׁצָּרִיךְ לְדַבֵּר בְּעִנְיַן הַבִּטָּחוֹן וּלְקַצֵּר בַּחֲלָקָיו.** - צום שלוס וועט דער חובת הלבבות אויסשמועסן אַלע זאַכן וואָס מאַכן אַז מ'זאָל פאַרלירן בטחון, און אַלע השלמות וואָס מ'דאַרף אויסשמועסן וועגן די מדריגות פון בטחון.

**ב**

# תנאי קודם למעשה; ער גייט מיך העלפן, אפילו אויב כ'בין עס נישט ווערד

## יענער דאַרף האָבן דאָס בעסטע מעגליכקייט און פאַרשטאַנד

אַצינד לאָמיר אָנהויבן דעם ערשטן פּרק פון 'שער הבטחון', מיט'ן הייליגן לשון פון דעם מחבר אינעווייניג:

**אַךְ מַהוּת הַבִּטָּחוֹן הוּא מְנוּחַת נֶפֶשׁ הַבּוֹטֵחַ** - די מהות פון בטחון איז די מנוחת הנפש וואָס דער בוטח באַקומט. **וְשֶׁיִּהְיֶה לִבּוֹ סָמוּךְ עַל מִי שֶׁבָּטַח עָלָיו** - ער וועט זיך אָנלאַנען זיין האַרץ אויף דער זאַך אָדער אויף דעם מענטש וואָס ער פאַרלאָזט זיך דערויף. זיין האַרץ איז אנגעשפארט אויף יענעם. **שֶׁיַּעֲשֶׂה הַטּוֹב וְהַנָּכוֹן לוֹ בְּעִנְיָן אֲשֶׁר יִבְטַח עָלָיו** - ער איז פאַרזיכערט אַז יענער גייט אים טון וואָס איז גוט און וואָס איז ריכטיג, בנוגע דעם ענין אויף וואָס ער איז זיך בוטח.

**כְּפִי יְכָלְתּוֹ וְדַעְתּוֹ בַּמֶּה שֶׁמֵּפִיק טוֹבָתוֹ.** - לויט ווי יענער טויג און לויט ווי יענער פאַרשטייט אַז דאָס איז מיין טובה. טאָמער יענער האָט נישט די מעגליכקייט אָדער די ריכטיגע דעת צו טון וואָס איז גוט פאר מיר, דעמאָלט קען איך נישט האָבן קיין ריכטיגע בטחון אין אים. ער איז אַ טייערער מענטש, ממש אַ צדיק פון אַ איד, אָבער ער איז געבוירן מיט צוויי לינקע הענט... ס'איז זיכער נישט זיין שולד, אָבער **וואָס זאָל מען טון, כ'קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף אים.** כדי צו האָבן בטחון אויף איינעם, דאַרף יענער האָבן **דאָס בעסטע יכולת** און אויך דאַרף ער האָבן **אַ גוטע פאַרשטאַנד**, צו וויסן פונקטליך וואָס איז גוט פאר מיין טובה. דעמאָלט קען איך זיין רואיג און זיך סומך זיין אויף אים.

## ווען מ'פאַרלאָזט זיך, צו באַקומען אַ נאַכטמאָל

אַביישפּיל דערצו: ראובן זאָגט פאר שמעון: טו מיר אַ טובה, זיי מיר מסדר אַ נאַכטמאָל פאר היינט אָוונט, און איך וועל דיר נאָכדעם באַצאָלן. ס'איז מיר נישט קיין חילוק וויאַזוי און פון וואו דו גייסט עס ברענגען. איך האָב נישט קיין צייט אפילו צו רעדן מיט דיר אַלע אַרומיגע דעטאַלן וועגן געלט וכדומה. **דער עיקר מאַך זיכער אַז ס'זאָל אָנקומען דאָ אַ נאַכטמאָל.** איך וויל נישט טראַכטן דערוועגן נאָכאַמאָל, איך וויל דיך נישט אָנרופן דערמאַנען: "האסט פאַרגעסן? ווען גייסטו קומען? ביסט שוין שפּעט..."

דאָס ווערט אָנגערופן, אַז **ראובן פאַרלאָזט זיך יעצט אינגאַנצן אויף שמעון**, אַז ער גייט אים טון די זאַך אויפ'ן בעסטן און געשמאַקסטן אופן.

## די בטחון אויפ'ן מענעדזשער אין דער פירמע

נאָך אַ ביישפּיל: אין דער וועלט פון ביזנעס איז דאָ אַ סיסטעם אַז ווען אַ פירמע וואַקסט און ווערט גרעסער, נעמט דער בעה"ב אויף **אַ מענעדזשער וואָס זאָל אָנפירן די פאַרצווייגטע ווירטשאַפט פון דער פירמע**, צו פאַרזיכערן אַז אַלעס קלאַפּט.

די וויכטיגסטע זאַך וואָס אַ בעה"ב זוכט, ווען ער נעמט אויף אַ מענעדזשער, איז אַז **יענער זאָל זיין אַזאַ סאָרט מענטש וואָס אויב איך זאָג אים עפּעס צו טון, ווייס איך קלאָר אַז די זאַך איז מסודר.** כ'דאַרף נישט צען מאָל קוקן און נאָכקוקן און שפּעטער פאַררעכטן זיינע טעותים. ווייל דאָס קען איך דאָך אַליין אויך טון...

די גאַנצע געדאַנק פון אויפנעמען אַ מענעדזשער איז דאך בלויז אַז **דאָס זאָל אַראָפּנעמען פון מיר דאָס אחריות.** ווייל בעצם, פאַרוואָס דאַרף איך צאָלן אַז איינער זאל טון די אַרבעט, איך קען דאָך אַליין אָנפירן אַלעס און כ'וועל פאַרדינען מער? די תשובה איז זייער פּשוט, דער בעה"ב קען נישט אַליין באַהאַנדלן אַזויפיל פּרטים און קליינע דעטאַלן, ס'איז אוממעגליך אַז איין מענטש זאל אַלעס קענען אינזין האָבן. דערפאַר נאָמינירט מען אַ מענעדזשער **אויף וועמען מ'קען זיך פאַרלאָזן**, אַז ער וועט דאָס ערלעדיגן. אָבער אויב דאַרף איך ווייטער דאגה'ן אויף יעדן פּרט, אויב ס'איז געטון געוואָרן ריכטיג, דעמאָלט זאָל דער מענעדזשער גיין און כ'וועל עס

שוין אַליין טון.

ס'זענען דאָ ביזנעס לייט וואָס דאַנקן טאָקע דעם אויבערשטן יעדן טאָג, אַז זיי האָבן געטראָפן דעם פּאַסיגן מענטש וואָס זאָל מענעדזשן זייער ביזנעס: **יענער פאַרשטייט מיך אויפ'ן ווינק. ער נעמט אַראָפּ פון מיר דעם גאַנצן לחץ.** כ'קען זיין רואיג ווייל מיין האַרץ פאַרלאָזט זיך אויף אים אַז ער פאַרשטייט וואָס איך דאַרף. ער איז אַ פעאיגער מענטש וואָס טוט עס ריכטיג.

דאָס איז אַ דוגמא וואָס ברענגט גוט אַרויס **דאָס מציאות פון בטחון.** נישט די מצוה דערפון, נאר די באדייט פון 'זיך פארלאזן' אויף א צווייטן.

## אַ קריטישע תנאי וואָס מ'מוז האָבן ביי בטחון

דער חובת הלבבות זאָגט ווייטער: **אֲבָל הָעִקָּר אֲשֶׁר בַּעֲבוּרוֹ יִהְיֶה הַבִּטָּחוֹן מִן הַבּוֹטֵחַ, וְאִם יִפָּקֵד לֹא יִמָּצֵא הַבִּטָּחוֹן** - דאָס הייסט אַז איידער מען פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף אַ צווייטן, איז דאָ גאָר אַ וויכטיגע 'תנאי קודם למעשה' וואָס אויב דאָס פעלט, דעמאָלט איז נישטאָ קיין מציאות אַז מ'זאָל קענען האָבן די הרגשה פון בטחון!

וואָס איז אָט די תנאי? **הוּא שֶׁיִּהְיֶה לִבּוֹ בָּטוּחַ בְּמִי שֶׁיִּבְטַח בּוֹ** -כדי צו באַקומען די שלימות'דיגע תענוג פון בטחון, מוז דאָס האַרץ זיין אינגאַנצן פאַרזיכערט אויף יענעם. אויב בין איך בלויז זיבעציג פּראָצענט פאַרזיכערט, קען איך נישט האָבן די מאַקסימום תענוג וואָס בטחון גיט פאַר'ן מענטש. אויב כ'בין אַכציג פּראָצענט פאַרזיכערט, וועל איך נאָך אַלץ נישט האָבן די תענוג. איך נישט ביי ניינציג פּראָצענט, און אפילו נישט ביי 99 פּראָצענט. כדי צו האָבן בטחון, מוז דער מענטש וויסן אויף הונדערט פּראָצענט אַז יענער גייט מסדר זיין אַלע מיינע געברויכן אויפ'ן בעסטן און שענסטן אופן.

**שֶׁיְּקַיֵּם מַה שֶּׁאָמַר, וְיַעֲשֶׂה מַה שֶּׁעָרַב, וְיַחְשֹׁב עָלָיו הַטּוֹב בְּמַה שֶּׁלֹּא הִתְנָה לוֹ וְלֹא עָרַב עֲשׂוֹתוֹ - שֶׁיַּעֲשֵׂהוּ נְדָבָה וְחֶסֶד.** - מ'דאַרף וויסן קלאָר אַז יענער גייט מקיים זיין וואָס ער האָט געזאָגט, ער גייט טון אַלעס וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען ערבות דערויף, און מ'דאַרף זיין רואיג אַז יענער וועט טראַכטן מיין גוטס, אפילו אויף עפּעס וואָס כ'האָב נישט אָפּגעשמועסט מיט אים. יענער וועט דאגה'ן פאַר מיר, אפילו אויף אַזעלכע זאַכן וואָס ער האָט זיך נישט אונטערגענומען! ער וועט עס טון פאַר מיר, אויף אַן אופן פון נדבה וחסד.

דער חובת הלבבות זאָגט דאָ אַזוי: ס'איז דאָ אַ געפיל פון בטחון וואָס מאַכט אַז דער מענטש זאָל שפּירן אַ מורא'דיגע חיות. דער מענטש איז מרגיש אַ געוואַלדיגע תענוג ווען ער קען זיך פאַרלאָזן אויף יענעם. אָבער אָט די תענוג גייסטו נאָר באַקומען **ווען דו וועסט זיין הונדערט פּראָצענט פאַרזיכערט און דו דאַרפסט נישט טראַכטן אפילו איינמאָל דערוועגן!** דו דאַרפסט האָבן אַ פולקאָמע צוטרוי אַז יענער גייט דיך טון וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען, און נאָכמער, אַז יענער גייט דיך העלפן **אפילו מיט אַזעלכע זאַכן וואָס דו האָסט נישט אָפּגערעדט מיט אים**; ס'איז טאַקע נישט געווען אַריינגערעכנט אין דעם הסכם, אָבער ער וועט עס סיווי טון אויפ'ן בעסטן און שטאַרקסטן אופן.

**בטחון איז עפּעס וואָס איז געדעקט הונדערט פּראָצענט... אַז דאָס האַרץ זאָל זיך קענען פאַרלאָזן אויף דעם פולשטענדיג, אָן קיין שום מינדסטע ספיקות**

דערמיט ענדיגט זיך דער ערשטער פּרק פון 'שער הבטחון'.

## אָן דעם תנאי קען מען קיינמאָל נישט זיין רואיג

די מפרשים פון דעם חובת הלבבות שמועסן אויס דאָ אויפ'ן פּלאַץ, אַז ס'איז מוכרח צוצולייגן אָט דער תנאי אַז **בטחון מוז זיין אַ געפיל, אַז יענער גייט מיך טון גוטס אפילו אויב מ'האָט זיך נישט אויסגענומען בעפאָר.** יענער וועט עס סיווי טון באופן של נדבה וחסד.

ווייל אויב איז נישטאָ קיין פאַרזיכערונג דערויף, דעמאָלט **קען מען קיינמאָל נישט זיין גענצליך רואיג.** עס וועט אַלעמאָל בלייבן אין האַרץ אַ געוויסע דאגה, אַז **אפשר וועט עפּעס פּאַסירן** וואָס יענע זאַך איז נישט אַריינגערעכנט אין דעם וואָס מ'האָט אָפּגעשמועסט. ס'איז אַלעמאָל דאָ אַ חשש אַז ס'גייט זיין אַ געוויסע מציאות וואָס יענער האָט זיך נישט אונטערגענומען אויף אַזאַ סאָרט פאַל.

## מ'קען שטענדיג טרעפן אַ לאָך זיך אַרויסצודרייען

משל לדבר: שמעון האָט פאַרשפּראָכן פאַר ראובן: "איך בין דיר מבטיח אַז כ'גיי אָנרופן יענעם היינט ביינאַכט". ראובן פרעגט: "איך קען זיין אינגאַנצן רואיג און פאַרזיכערט?!" זאָגט שמעון: "יאָ, קענסט זיין פולקאָם רואיג, איך בין עס מסדר, דאַרפסט בכלל נישט טראַכטן דערוועגן".

למעשה קומט אָן מאָרגן און ראובן פרעגט: "האסט אים אָנגערופן?" זאָגט שמעון: "אודאי, איך האָב פּרובירט קלינגען אָבער ער האָט נישט אויפגעהויבן".- "האסט פּרובירט עטליכע מאָל?" - "יאָ, איך האָב פּרובירט דריי מאָל און ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהויבן. איך האָב זיך אונטערגענומען אים צו רופן, אָבער כ'האָב נישט געזאָגט אַז כ'גיי פּרובירן טויזנט מאָל"...

דאָס באַדייט אַז ס'איז אַלעמאָל דאָ ערגעץ אַ לאַך וואו מ'קען זיך דאָרט אַרויסדרייען, אַז "אויף אַזאַ פאַל האָב איך זיך נישט אונטערגענומען"... און דעריבער קען דער מענטש שטענדיג האָבן אַ קליינע חשש אַז **אפשר אויף אַזאַ סאָרט אופן וועט יענער מיך נישט העלפן.** אין זיין האַרץ רידערט אים אַ משהו אַז אפשר וועט די זאַך נישט ווערן מסודר.

## בטחון מיינט: 'אפילו כ'בין נישט ראוי'

דערפאַר האָט דער חובת הלבבות צוגעלייגט די הוספה, אַז כדי דער מענטש זאָל האָבן די ריכטיגע תועלת פון בטחון, מוז ער זיין קלאָר אַז יענער גייט אים העלפן **אפילו אויב ס'איז נישט אַריינגערעכנט אין דעם הסכם וואָס מיר האָבן געמאַכט.** יענער גייט עס סיווי טון פאַר מיר 'באופן של נדבה וחסד'. ס'וועט זיכער זיין מסודר!

ווען ס'קומט זיך צו פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן, איז דאָס איינס פון די יסודות אין דעם מהות פון בטחון, אַז יעדער איד קען זיך אַלעמאָל פאַרלאָזן אויף השי"ת '**אפילו אויב ס'קומט זיך מיר נישט**'! דאָס איז ממש מוכרח אלס אַ חלק פון דעם מהות הבטחון. ווייל אויב טראַכט דער מענטש אַז "אפשר בין איך נישט ראוי אַז השי"ת זאָל מיר גוטס טון, ווייל כ'האָב געטון אַן עבירה, אפשר קומט זיך מיר נישט אַז השי"ת זאָל זיך אומקוקן אויף מיר", **דעמאָלט קען מען פאַרמאַכן דעם 'חובת הלבבות שער הבטחון'.**

אַלעמאָל איז דאָך דאָ די סברא און די חשש אַז אפשר בין איך נישט ראוי דערצו. ווער קען דען זאָגן אַז איך האָב נישט געטון קיינמאָל קיין עבירות?! קומט אויס, אַז אַזאַ מענטש קען קיינמאָל נישט האָבן די הונדערט פּראָצענטיגע רואיגקייט פון בטחון.

## בטחון איז אַלעמאָל פאַרזיכערט און באַשטעטיגט

דערפאַר שטעלט דער חובת הלבבות אַראָפּ דעם ערשטן יסוד אַז **בטחון איז עפּעס וואָס איז געדעקט הונדערט פּראָצענט.** ס'איז אַ באַשטעטיגטע זאַך וואָס דאַרף זיין פאַרמאַכט פון אַלע זייטן, אַז **דאָס האַרץ זאָל זיך קענען פאַרלאָזן אויף דעם פולשטענדיג, אָן קיין שום מינדסטע ספיקות.** אפילו אויב דאָס האַרץ זאָל אַראָפּוועגן טויזנט קילאָגראַם זאָל עס קענען זיצן אויף דעם בטחון און ס'זאָל זיך נישט צעברעכן... ווייל אויב ס'איז שייך אַז ס'זאָל ווערן צעבראָכן צוליב סיי וועלכע סיבה אויף דער וועלט, **איז דאָס נישט קיין בטחון!**

און ווי ערוועהנט, זאָגט נישט דער חובת הלבבות אַז אויב דו האסט נישט די סאָרט בטחון, ביסטו נישט מקיים די מצוה פון בטחון, אָדער אַז דעמאָלט ביסטו נאָכנישט געגוג אַ בעל מדריגה. **דער חובת הלבבות רעדט פון די פשוט'ע טייטש פון דעם באַגריף 'בטחון'.** אויב וויל מען אַז די געפיל זאָל ווערן אָנגערופן 'בטחון', און ס'זאָל ברענגען אַ תענוג פאַר'ן מענטש, מוז עס זיין מיט דער תנאי, ווייל אָן דעם איז עס בכלל נישט קיין בטחון.

# והחי יתן אל לבו; וויאַזוי צו יונק זיין אמת'ע לעבן ווען דאָס האַרץ איז פּאַרקלעמט

## אַ לעבעדיגע זאַך דאַרף נאָכאַנאַנד יונק זיין חיות

לאָמיר אַביסל פּאַרברייטערן די סוגיא פון אַן אַנדערן קוק - ווינקל:

דער רבוש"ע האָט באַשאַפן אויף דער וועלט לעבעדיגע זאַכן און טויטע זאַכן. איינס פון די חילוקים צווישן זיי, איז אַז - אַנדערש ווי אַ טויטע זאַך - דאַרף **יעדע לעבעדיגע זאַך יונק זיין פרישע חיות אַגאַנצן צייט**. ס'אַרבעט נישט אַז די זאַך 'לעבט' אויטאָמאַטיש, נאר ס'מוז באַקומען נייע לעבן נאָכאַנאַנד.

צום ביישפּיל: **אַ צומח - געוואוקס דאַרף שטענדיג האָבן וואַסער, ערד און זון, כדי צו בלייבן לעבעדיג.** אויב איז מען אַוועקגעפאַרן אויף עטליכע וואָכן און מ'האָט פאַרגעסן צו באַוואַסערן די בלומען, דעמאָלט ווערט עס פשוט אָפּגעשטאָרבן.

שוין אָפּגערעדט אַז דאָס איז אויך דער כלל ביי בעלי חיים. **אויב מ'גיט אים נישט קיין עסן אָדער טרונקן פאר אַ טאָג - צוויי**, דעמאָלט שטאַרבט ער צוביסלעך אָפּ.

אויך בשעת דער מענטש עסט נישט, דאַרף ער אַגאַנצן צייט **אָטעמען לופט**, וואָס גיט אַריין פרישע אָקסעדזשין **וואָס איז אַזוויי שפּייז פאר די בלוט**. לופט אַנטהאַלט די וויכטיגע באַשטאַנדטיילן וואָס די בלוט דאַרף באַקומען כדי צו בלייבן לעבן.

## די נפש דאַרף אויך שטענדיג האָבן פרישע חיות

נישט בלויז דער גוף דאַרף האָבן זיין עסן, נאר אויך די נפש דאַרף האָבן כסדר פרישע חיות. די נפש מוז הערן אַ גוט וואָרט און די נפש מוז טרעפן חברים אַז איינער זאל קוקן אויף אים. ליידער האָט מען זיך אויסגעלערנט, במשך די תקופה פון קאָראָנאַ, ווי שווער ס'איז צו זיין איינער אַליין אין שטוב אויף אַ לאַנגע צייט. ווען מ'טרעפט זיך נישט מיט קיין מענטשן שפּירט די נפש האַלב טויט.

דער רבוש"ע האָט אַזוי אויסגעשטעלט אַז יעדע זאַך וואָס האָט חיות, באַקומט נישט בלויז איינמאָל חיות און דערנאָך בלייבט עס לעבן פאַר לאַנגע יאָרן. **עס דאַרף אַגאַנצן צייט באַקומען פרישע חיות פון אינדרויסן, און נאר אַזוי קען עס בלייבן לעבן.** ס'מוז נאָכאַנאַנד נעמען חיות פון ערגעץ, ממש יעדע מינוט וואָס עס לעבט.

## די נפש באַקומט חיות פון בטחון

פונקט ווי השי"ת האָט דאָס געמאַכט ביים גוף און ביים נפש, האָט השי"ת אויך געמאַכט אַז דאָס האַרץ דאַרף אַגאַנצן צייט באַקומען נייע חיות. דאָס האַרץ איז דאָך די מערסטע לעבעדיגע אבר. אויב מ'וויל וויסן צי דער מענטש לעבט, קוקט מען אויב זיין האַרץ קלאַפּט.

דערפאַר זעט מען טאַקע בחוש אַז דאָס האַרץ דאַרף אַגאַנצן צייט באַקומען פרישע בלוט - מער פון אַלע אברים. אויב חלילה קומט נישט אָן קיין חיות צום האַרץ פאר עטליכע מינוט איז אַלעס געענדיגט חלילה. **דאָס זעלבע איז מיט דעם נפש וואָס ליגט אין האַרץ**. די נפש דאַרף אַגאַנצן צייט יונק זיין פרישע חיות פון בטחון אין השי"ת.

## ווען מ'איז מסיח דעת איז מען פשוט פאַרשלאָפן

דער חובת הלבבות לערנט אונז דאָ אַז בטחון מיינט נישט אַז דער מענטש האָט אַ רואיגע נאַטור; ער איז אַזאַ סאָרט מענטש וואָס נעמט זיך נישט צום האַרצן פון קיין דאגות; נאַטירליך איז ער מסיח דעת פון די פּראָבלעמען און ער איז אַלעמאָל רואיג. **אַזאַ תכונה האָט גאָרנישט צוטון מיט די מדה פון בטחון**, נאר ס'איז פשט אַז ס'פעלט פאר דעם מענטש לעבהאַפט און חיות. ער איז אַזוויי איינער וואָס שלאָפט.

געוועינליך ווען אַ מענטש האַלט אינמיטן שלאָפן איז ער נישט פאַר'דאגה'ט, די גאַנצע וועלט איז יעצט געשטאָרבן, פאַרוואָס? **ווייל דער מענטש האָט יעצט ווייניגער חיות.** שינה איז אחד משישים במיתה, און דערפאַר זאָרגט ער זיך נישט. דאָס זעלבע איז ווען דער מענטש איז גראַדע יאָ וואַכעדיג, אָבער ער איז פאַר'חלומ'ט, דעמאָלט איז עס אויך אַזוויי ער שלאָפט. ווי די מלמדים אין חדר פלעגן זאָגן: "פאַרוואָס שלאָפסטו, וועק זיך אויף"... ווען מ'איז נישט געהעריג פאָקוסירט, איז דאָס ענליך צו אַ שלאָף, ווען מ'האָט ווייניגער חיות.

## וואָס ליגט אונטער די ווערטער: "ס'וועט זיין גוט"

אויב אַזוי קומט אויס, אַז אַ מענטש וואָס איז נישט פאַר'דאגה'ט, ווייל ער האָט דעם נאַטור אַז ער קען גרינג מסיח דעת זיין פון זאַכן, אויב קומט דאָס נישט פון אַ פלאַץ פון בטחון, דעמאָלט האָט דאָס בכלל נישט קיין חשיבות, ווייל **ער לעבט נישט יעצט**. ער איז סתם פאַרשלאָפן.

אַמאָל קען מען הערן אַ מענטש דרוקט זיך אויס: "איך זאָרג זיך נישט, ס'וועט זיכער זיין גוט". פאַרוואָס זאָגט ער אַזוי?! מעגליך זאָגט ער דאָס ווייבאַלד ער איז אַ בוטח בהשי"ת. אָבער ס'קען אויך זיין אַז **ער האָט פשוט נישט קיין געדולד צו דאַרפן טראַכטן דערוועגן**. ער האָט נישט קיין כח צו אַריינגיין יעצט אין די אַלע דאגות און מחשבות, דעריבער זאָגט ער "ס'וועט זיין גוט", אָן דעם וואָס ער זאָל האָבן מיט וואָס צו דעקן זיינע ווערטער.

צומאָל איז דאָס יאָ געדעקט מיט ערפאַרונג וואָס דער מענטש האָט שוין געהאַט פון דער פאַרגאַנגענהייט. בפרט אויב ער איז שוין אַ איד פון עטליכע 50 יאָר און ער זאָגט: "ס'איז שוין נישט די ערשטע מאָל, און אויך נישט די צווייטע און דריטע מאָל, וואָס איך גיי דורך אַ פּרשה. אַלעמאָל איז עס ב"ה געוואָרן מסודר. ס'וועט זיין גוט". דעמאָלט הגם ס'איז נישט ממש די ריינע בטחון ווי ס'דאַרף צו זיין, אָבער **ס'האָט שוין מער שייכות מיט דעם מושג פון בטחון**. ווידעראום אויב איינער זאָגט סתם אַזוי "ס'וועט זיין גוט", איז ער בלויז מסיח דעת ווייל ער האָט נישט קיין כח צו טראַכטן פון דעם פּראָבלעם. **דעמאָלט באַקומט ער נישט דערפון קיין שום חיות**. ער איז געווען פאַרשלאָפן און האַלב טויט.

## ווען מ'לעבט הייבט מען אָן צו שפּירן דאגות

דער חובת הלבבות זאָגט דאָ אַ טיפע זאַך:

בשעת דער מענטש געפינט זיך אין אַ טויטע מצב, למשל אינמיטן שלאָף, דעמאָלט דאַרף ער נישט יונק זיין קיין חיות. למשל אויב איינער איז הונגעריג און ער לייגט זיך שלאָפן, וועט ער נישט שפּירן די הונגער בשעת ער שלאָפט.

אָבער בשעת דער מענטש איז יאָ וואַך און לעבעדיג, וועט ער נאַטורליך שפּירן פאַרשידענע דאגות: וויאַזוי וועל איך האָבן געגוג געלט? וויאַזוי וועל איך האָבן דעם ריכטיגן דאָקטער? וויאַזוי וועל איך האָבן אַ פּאַסיגע פּרנסה? וויאַזוי וועל איך טרעפן אַ ישיבה פאר מיין זון? וויאַזוי וועל איך קענען מחנך זיין מיין יונגל וואָס השי"ת האָט אים געגעבן אַזאַ סאָרט תכונות הנפש ווי 50 פּראָבלעמאַטישע קינדער צוזאַמען?!

## צוויי אָפּציעס, זיך אויסלעשן אָדער יונק זיין פרישע חיות

אַצינד, ווען דער מענטש שפּירט די דאגות, האָט ער צוויי אָפּציעס: אָדער קען ער נעמען איין וועג **זיך צו אויסלעשן פון חיות**, ער זאָל זיך לייגן שלאָפן בהקיץ און מסיח דעת זיין, כדי נישט צו דאַרפן שפּירן די צער.

אָדער קען ער מחליט זיין **זיך צו באַנוצן מיט דעם געפיל וואָס הייסט בטחון**. ער נעמט זיין האַרץ און ער וואַרפט דאָס אַרויף אויפ'ן רבוש"ע. השלך על ה' יהבך, און **ער הייבט אָן יונק זיין חיות פון השי"ת**. ער איז לעבעדיג! ער געדענקט דעם פּראָבלעם מיט אַלע מפרשים, אָבער ער דערמאַנט זיך אויך **וואָס דאָס מיינט אַז דער רבוש"ע איז אַ כל יכול**, ער קען מיר העלפן אפילו בדרך הטבע, ס'מוז בכלל נישט געשען קיין נס פון קריעת ים סוף, השי"ת קען מיר ברענגען אַ ישועה דורך אַ מהלך וואָס כ'קען נישט טראַכטן. **די פּראָבלעם גייט זיין מסודר, ווייל השי"ת איז אַ טוב ומטיב און ער גייט מיר גוטס טון**, אפילו איך בין נישט ראוי דערצו!

## ובחרת בחיים - נעמען חיות פון דעם ריכטיגן מקור החיים

ווען דער מענטש איז בוחר אָט די צווייטע וועג און ער טראַכט מחשבות פון בטחון, **האָט ער בוחר געווען אַ וועג פון לעבן**. ער האָט געגעבן שפּייז פאר זיין האַרץ, ווייל ער האָט אַוועקגעלייגט זיין האַרץ פאַר'ן רבוש"ע און יעצט באַקומט זיין האַרץ אַלע נויטיגע מזון הנפש וואָס ס'דאַרף האָבן.

די הרגשה פון 'בטחון' גיט אַלעמאָל חיות פאַר'ן נפש, און ס'קען אויך קומען דורכדעם וואָס מ'האָט בטחון אויף אַן אַנדערן מענטש. די פּראָבלעם

איז נאָר, אַז **דעמאָלט באַקומט מען חיות פון אַן אומריכטיגע מקור.**

צומאָל קוקט עס אויס פאַר'ן מענטש אַז ס'איז גרינגער זיך צו באַרואיגן און באַקומען חיות דורך אַוועקלייגן זיין האַרץ אויף אַן אַנדערן מענטש, ווייל דאָס זעט מען בחוש אויפ'ן פלאַץ. מען באַקומט דעם תענוג דורכדעם וואָס מ'רעדט זיך אויס פאַר אַ צווייטן און יענער זאָגט: "הער זיך איין וואָס כ'זאָג דיר, ביז מאָרגן ביסטו מסודר, איך האָב פּראָטעקציע, איך האָב געלט, כ'קען עס ערלעדיגן"... **דער מענטש שפּירט זיך אַ נייער מענטש**, ווייל ער האָט יונק געוואָרן חיות פון ערגעץ, **אָבער למעשה האָט ער באַקומען זיין חיות פון אַ נישט גוטע פּלאַץ**, און אויב אַזוי, וועט עס נישט אָנהאַלטן לאַנג, ס'וועט אים ענדגילטיג ברענגען בלויז אַ חורבן, ווי דער חובת הלבבות שמועסט עס אויס גלייך אין אָנהויב פון דער פּתיחה צום שער הבטחון.

## אַז מ'איז יונק אומריכטיגע חיות שטעלט זיך די קאַר אָפּ...

אַלס בחור בין איך אַמאָל געפאָרן מיט איינעם וואָס האָט געדינגען אַ קאַר און ער איז געווען אומבאַקאַנט מיט וועלכע גאַז צו אָנפילן די קאַר. אַנשטאָט די געוויינליכע 'גאַזאָלין' האָט ער אַריינגעלייגט 'דיזעל'... די קאַר האָט אַזוי אָנגעהויבן פאָרן אַ באַרג אַרויף, און ביז 2-3 מינוט האָט זיך עס אָפּגעשטעלט און ס'פאָרט נישט ווייטער... ס'האָט געדויערט אַ ווייל, ביז מ'האָט געכאַפּט דעם טעות אַז **די קאַר האָט נישט וואו יונק צו זיין חיות**. ס'איז געווען אַ גאַנצע סיטואַציע ווען מ'האָט געדאַרפט אויסריינעגן די קאַר פון די אומריכטיגע גאַז און אַריינלייגן נייע גוטע גאַזאָלין.

דאָס איז בעצם וואָס דער חובת הלבבות זאָגט אין דער פּתיחה צום שער הבטחון, אַז מענטשן לייגן אַריין 'דיזעל'. **זיי נעמען חיות פון דעם נישט גוטן פּלאַץ** און זיי הייבן אָן אַזוי צו פאָרן, אָבער נאָך אַ קורצע צייט בלייבט מען שטעקן, ווייל **מ'קען נישט לעבן דערפון**. אַ איד דאַרף באַקומען זיין לעבן פון דעם אמת'ן מקור פון חיות, וואָס דאָס איז די ריינע אמונה און בטחון בהשי"ת.

# המקבל עליו עול תורה

## אם אתה עושה כן אשריך וטוב לך;

דאָס גליקליכע לעבן פון 'המקבל עליו עול תורה'

יום רביעי פרשת בה"ב כ"ג אייר תשפ"ה

חלק ב

א

# רְאֵה כִּי פִקּוּדֶיךָ אָהָבְתִּי; די שליסל צו הצלחה בתורה איז צו נתפעל ווערן פון לערנען

## שעפּן התפעלות פון תורה

מ'האָט אָנגעהויבן דעם שיעור מיט'ן יסוד אַז די איינציגע וועג וויאַזוי מצליח צו זיין בתורה, איז **דורכדעם וואָס מ'האָט התפעלות פון רוחניות און מ'ווערט נתרגש דערפון.** אַז מ'איז זיך מתבונן שטייט דאָס אין קריאת שמע: **ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך.** די פּשוט'ע טייטש דערפון איז, אַז דער מענטש זאָל ווערן איבערגענומען גאָר שטאַרק מיט אַ געוואַלדיגע התפעלות און מיט הרגשים. דעמאָלט וועט זיין **והיו הדברים האלה אשר אנכי מצווך היום על לבבך.** דורכדעם וועט מען אַריבערגיין לערנען תורה!

דער רבוש"ע זאָגט פאַר אַ איד: **איך פאָדער פון דיר, אַז דיין התפעלות זאָל זיין פון תורה.** אַמאָל איז די תורה **'קצות' מיט 'נתיבות'** וואָס דו לערנסט. אַמאָל לערנט די תורה מיט דיר **פאַרשידענע סוגיות פון קבלת יסורים באהבה.** אַמאָל לערנט מען **אַ דערהער אין תפלה**, אַמאָל איז עס **אַ חושן משפט'דיגע בירור הלכה:** "וואָס וויל השי"ת אין דעם מצב? כ'זאָל עס יאָ טון? כ'זאָל עס נישט טון?" דער מענטש איז מברר, ער גייט פרעגן מורי הוראה. **אָט די הרגשים און התפעלות וויל השי"ת פון אונזער תורה.**

## זיך דערמאַנט אַ סוגיא פון נזקי שכינים...

צומאָל קען מען זען אַ מענטש לערנט, און אינמיטן שפּרינגט ער אויף: "אָה, דאָס איז די סוגיא!", ער ווערט אַזוי פריילעך און הייבט אָן נאָכצוקוקן די מפרשים אויפ'ן פּלאַץ. פרעגט מען אים: וואָס מיינסטו צו זאָגן אַז דאָס איז די סוגיא? איז דער איד מסביר אַז מיט פערצן יאָר צוריק האָב איך געהאַט אַ גאַנצע סכסוך מיט אַ שכן, און בשעת כ'האָב דעמאָלט מברר געווען די הלכה בין איך געוואויר געוואָרן אַ נייע חידוש וואָס כ'האָב קיינמאָל נישט געוואוסט בעפאָר. **יעצט האָב איך נאָכאַמאָל באַגעגנט יענע זעלבע סוגיא** וואָס כ'האָב דעמאָלט עוסק געווען דערינען, און ס'ברענגט מיר צוריק צו יענעם חידוש.

דו זעסט קלאָר פון זיין גאַנצע באַנעמונג אַז די הרגש וואָס ער שפּירט פון דער סוגיא, איז נישט אַז ער האָט זיך דעמאָלט געקריגט מיט'ן שכן. "יוי... פרעג נישט וואָס איז דאָרט געווען..." די אַלע זאַכן זענען בכלל נישט תופס מקום ביי אים. דער חלק וואָס איבערראַשט אים, **איז די דערהער וואָס ער האָט דעמאָלט געלערנט**, און **דער חידוש וואָס ער האָט דעמאָלט דערהערט** און פאַרשטאַנען.

דאָס איז וואָס דער רבוש"ע וויל פונעם מענטש: **נעם דיין פּעקל פון הרגשים און זיי דערמיט מקבל דעם עול תורה.** לייג אַריין דיין התפעלות אין תורה.

## טרעפן וואו האָסטו יאָ התפעלות?

## אַצינד שטעלט זיך נאר די פראַגע: וויאַזוי מאַכט מען דאָס?! וויאַזוי באַקומט מען התפעלות פון לערנען תורה?!

באמת איז דאָ אַסאַך שטאַפּלן אין דער תירוץ אויף אַזאַ שאלה, אָבער די פּשוט'ע און גרינגסטע וועג וויאַזוי דאָס צו דערגיין, איז ווען מ'טראַכט אַריין: **ביי וועלכן אַנדערע זאַך האָט דער מענטש יאָ התפעלות?!** און וואָס איז טאַקע דער גורם אַז דאָרט זאָל ער נתפעל ווערן?!

לאָמיר זאָגן אַז ס'קומט צו גיין אַ איד וואָס שפּירט התפעלות ביי צען סאָרט זאַכן, און ער פרעגט: **וויאַזוי קען איך באַקומען התפעלות אויך פון תורה?!** איז דאָ איין מהלך אַז מ'זאָל אים אָנטראָגן צו לערנען דעם ספר 'נתיבות עולם - נתיב התורה' פון דעם מהר"ל מפּראַג, כדי צו אָנוואַרעמען זיין אינטערעסע אין תורה. אָבער אַסאַך מאָל פּרובירט דער מענטש, און ער טרעפט נישט דאָרט עפּעס וואָס רעדט צו זיין מדריגה.

ס'איז אָבער דאָ אַן אַנדערע מהלך, אַז מען ענטפערט אים: איך ווייס נישט וועלכע ספר דו זאָלסט לערנען כדי צו באַקומען התפעלות, אָבער **לאָמיר צוזאַמען מאַכן דעם חשבון, ביי וועלכן זאַך האָסטו יאָ התפעלות?** זאָג מיר וואו דו האסט יאָ התפעלות, און נאָכדעם וועלן מיר פּרובירן צו **טרעפן די זעלבע סאָרט געפיל אין תורה**, אַז דו זאָלסט דאָרט אויך קענען נתפעל ווערן.

## מ'באַקומט התפעלות ווען מ'איז פאַרנומען מיט די רצונות

אַלזאָ, פון וואָס האָבן טאַקע מענטשן התפעלות? די תשובה איז אַז **מענטשן כאַפּן התפעלות פון זאַכן וואָס איז פאר זיי זייער שטאַרק נוגע.** מענטשן האָבן התפעלות, סיי ווען זייערע רצונות ווערן ערפילט, און סיי ווען זייערע רצונות ווערן נישט ערפילט.

אַז מ'וועט גוט קוקן וועט מען זען, אַז יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש איז נתפעל איז דאָס **ווען ער איז פאַרנומען מיט זיינע רצונות.** למשל אויב ער האָט פּרובירט אַסאַך מאָל צו דערגרייכן עפּעס אַ רצון און ס'איז אים נישט געלונגען, וועט ער יעצט שפּירן אַ התפעלות דערפון אין זיין נפש.

## די געפיל פון צרה איז אַ רצון וואָס ווערט נישט נתקיים

ווען מ'פרעגט פון אַ מענטש: "פאַרמאַך דיינע אויגן און זאָג מיר, וואָס איז דיין עיקר צרה אין

לעבן?״ - וועט יעדער מענטש ענטפערן אַז **די עיקר צרה איז עפּעס אַ זאַך וואָס ער ׳וויל׳ יעצט האָבן דאָס מערסטע און דערוויילּ פּאַסירט עס נישט.** דאָס איז זיין צרה. ס׳קען אַמאָל זיין אפילו אַ קלייניגקייט.

לכאורה קען מען פרעגן פון אַזאַ מענטש: ״איין מינוט, האסט פאַרגעסן אַז דיין צווייטע קינד האָט זיך צעטיילט נאָך די חתונה, און ס׳איז געווען אַ גאַנצע מעשה דאָרט. מ׳האָט אים געדאַרפט זוכן אַ זיווג שני אין אויסלאַנד. פאַרוואָס האָסטו דאָס בכלל נישט דערמאַנט? פאַרוואָס רעדסטו יעצט וועגן עפּעס אַ נאַרישקייט?״.

די תשובה איז: **ווייל ער איז יעצט נישט פאַרנומען מיט יענע רצון!** די אַמאָליגע צרה האָט ער אַוועקגעלייגט אין שאַפּע... אָה, ריכטיג, מיין זון וואוינט יעצט אין אַנטווערפּן... אָבער מיין גרעסטע צרה אויפ׳ן יעצטיגן מאָמענט איז **דער רצון וואָס קאָכט זיך אַצינד ביי מיר,** און כ׳קען דאָס נישט אויספירן.

דאָס זעלבע איז פאַרקערט, די זאַך וואָס ברענגט ביים מענטש די גרעסטע התפעלות פון שמחה, איז ווען ער איז אַזוי שטאַרק פאַרנומען מיט עפּעס, ער האָט מחליט געווען אַז דאָס וויל ער ס׳זאָל פּאַסירן, ער קאָכט זיך דערמיט און ער טוט דערינען, און **ווען השי״ת העלפט אַז ער זעט הצלחה און פּאָרשריט, איז ער ממש איבערגענומען** מיט אַ געוואַלדיגע געפיל פון שמחה.

ב

# בסולם העולה בית קל; שטאַפּלווייז ערוועקן אַן אינערליכע רצון צו לימוד התורה

## רצונות פון בחורים

די עבודה פון אַ מענטש איז אַלזאָ, אַז ער זאָל אַריינטראַכטן, **וואָס וויל איך? וואָס איז יעצט מיין רצון גאָר שטאַרק?**

לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל פון דעם ישיבה גדולה בחור אין שיעור ג׳ וואָס וויל שוין זייער שטאַרק ווערן אַ חתן. דער מגי״ש וויל אים יעצט דערציילן אַז ס׳איז דאָ אַ תלמיד הרשב״א וואָס זאָגט דעם זעלבן יסוד ווי דער ריטב״א, נאר מיט אַביסל אן אַנדערע קנייטש. דער בחור שפּירט ביי זיך: דער מגי״ש כאַפּט התפּעלות דערפון? זייער פיין. דער מגיד שיעור דאַרף אפשר אַ טיי? כ׳קען אויך אַריינלייגן האָניג... איך האָב נישט קיין שום פּראָבלעם אַז דאָס איז דעם מגיד שיעור׳ס דאגה. אדרבה, ס׳איז געוואַלדיג, דער רבוש״ע האָט אַסאַך נחת פון דעם. **אָבער איך וויל ווערן אַ חתן...** דאָס איז מיין דאגה יעצט!

דאָס זעלבע מיט דעם ישיבה קטנה בחור. **זיין רצון איז יעצט צו זיין אָנגענומען צווישן די חברים פון דער כתה.** ער טראַכט אַגאַנצן צייט צי ער איז יאָ אַ חשוב׳ער בחור צי נישט, און וויאַזוי די אַנדערע בחורים קוקן אויף אים.

## רצונות פון ערוואַקסענע

די זעלבע סוגיא פון רצונות, איז אויך אַקטועל ביי ערוואַקסענע מענטשן: **ער וויל אַזוי שטאַרק זיין אַן עושר**, ווייל אין זיין סביבה, צווישן זיינע חברים, הייסט דאָס אַ מוצלח און מ׳קוקט אַרויף איינער וואָס האָט געלט. דעריבער איז דאָס זיין רצון יעצט.

און דו פרעגסט נאָך פאַרוואָס ער קען זיך נישט קאָנצענטרירן ביים לערנען?! וואָס איז דען די וואונדער?! ווי דער **קאָצקער רבי** זי״ע האָט געזאָגט פאַר איינעם וואָס האָט זיך אָפּגערעדט אַז ער האָט מחשבות זרות ביים דאַווענען: ״דו האסט נישט קיין פרעמדע מחשבות. ס׳איז דיינע אייגענע מחשבות, ס׳איז לגמרי נישט פרעמד״... דאָס זעלבע איז מיט דעם איד וואָס בשעת׳ן לערנען **פאָקוסירט ער נישט, ווייל ער טראַכט פון די זאַכן וואָס זיין רצון קאָכט זיך אַריין דאָרט.** ס׳איז גאָרנישט קיין מחשבות זרות.

## דער קאָפּ איז פאַרנומען מיט זאַכן וואָס מ׳וויל האָבן

דער מענטש זאָגט: דו **כאַפּסט נישט וואָס כ׳האָב אויפ׳ן קאָפּ.** כ׳דאַרף אונטערשרייבן אַ קאָנטראַקט איבער אַן אינוועסטמענט אויף וואָס מ׳גרייט זיך שוין אַהאַלב יאָר. כ׳קען נישט יעצט לערנען...

די שאלה איז: פאַרוואָס זאָגסטו יעדעס מאָל אן אַנדערע תירוץ פאַרוואָס דו קענסט נישט קאָנצענטרירן ביים לערנען, און דו כאַפּסט נישט אַז ס׳איז אַזוי לעכערליך. די פשוט׳ע סיבה פאַרוואָס דו ביסט פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן, איז **וויבאַלד דיין רצון געפינט זיך דאָרט!** דו ביסט אַזוי אָנגעשטרענגט דערפון, **ווייל יענע זאַך גייט דיך אָן זייער שטאַרק.** דיין רצון ליגט דאָרט, און דערפאַר ביסטו פאַרקאָכט און דו שפּירסט עס.

היינט איז דיין רצון אין דעם קאָנטראַקט, מאָרגן וועט דיין רצון זיין ערגעץ אַנדערש. יעדן טאָג ביסטו פאַרטראַכט מיט די זעלבע נושא - **דער רצון וואָס ברענגט דיר יעצט.** האסט באַמערקט? ס׳איז בעצם יעדן טאָג די זעלבע זאַך, נאר די לבוש דערפון טוישט זיך.

קומט אויס אַז ווען השי״ת העלפט און אַ מענטש וועט אַריינלייגן זיין רצון צו טראַכטן: **פאַרוואָס בין איך געקומען אויף דער וועלט?** און ער וועט צוביסלעך רוקן זיינע רצונות אַז ער זאָל וועלן האָבן אַ שייכות מיט תורה, **וועט זיך אויטאָמאַטיש רוקן צוזאַמען דערמיט זיין קאָנצענטראַציע ביים לערנען.** ווייל דו זעסט דאָך באַשיינפּערליך, אַז דו ווערסט איבערגענומען און נתפעל פון די זאַכן וואָס אינטערעסירן דיך. **אויב אַזוי קענסטו דאָך עס טוישן.** דאַרפסט בלויז זיין ערנסט דערביי, און וויסן קלאָר אַז דאָרט ווילסטו אָנקומען.

## מ׳דאַרף טרעפן אַ מהלך וויאַזוי אַריינצוברענגען רצונות פאַר תורה

אָבער דאָ דאַרף מען גיין זייער צוביסלעך. מ׳קען נישט אָנקומען צו אַ מענטש - וואָס זיין רצון איז טויזנט פּראָצענט אַריינגעלייגט אין זיינע טרדות, אין זיינע צרות, און אין זיינע דמיונות - און מ׳זאָגט אים: איך האָב אַ מורא׳דיגע עצה אויף קאָנצענטראַציע ביים לערנען. זאָלסט וויסן אַז די תכלית פון אַ מענטש איז דביקות, נעם זיך צו דביקות און אַזוי וועסטו באַקומען אַ טעם אין תורה...

> **אַז די כח הריכוז וועט נתחזק הייבט מען אָן צו הנאה האָבן פון לערנען**

קענסט אים דאָס זאָגן, אָבער **ס׳גייט נישט צופיל טוישן אָדער פועל׳ן**, ווייל די ווערטער זענען זייער ווייט פון דעם מצב וואו ער שטייט יעצט. און אַז ס׳איז אַזוי ווייט, **קען ער נישט האָבן די כלים אַריינצולייגן זיין רצון דערינען.** ״איך ווייס נישט וואָס דו רעדסט, איך ווייס איין זאַך אַז כ׳דאַרף האָבן געלט. האסט מיר גאָרנישט געהאָלפן וועגן דעם ענין״...

## די ערשטע שטאַפּל; תורה וועט דיך ערפילן דיינע רצונות

דערפאַר, ווילאַנג אַ מענטש איז נאָך אַ מתחיל, איז איינס פון די וועגן וויאַזוי מ׳מאַכט אים אַ רצון צו לימוד התורה, אַז מ׳זאָל אים זאָגן: **זאָלסט וויסן אַז די תורה גייט דיך העלפן אין דיינע פּראָבלעמען!** וואָס איז דיין פּראָבלעם? די און די זאַך? דאָס איז דיין שטאַרקסטע רצון יעצט?

ס׳נעמט נישט קיין סאַך צייט צו כאַפּן וועלכע זאַך דרוקט אים יעצט דאָס מערסטע. אַצינד, ווען מ׳ווייסט די רצון וואָס באַדערט אים אויפ׳ן יעצטיגן מאָמענט, נעמט מען אַרויס עטליכע מראי מקומות, **וואו עס שטייט קלאָר אַז אויב דו וועסט לערנען געשמאַק אויפ׳ן קול, דעמאָלט וועסטו בעז״ה ביז אַ חודש באַקומען אַ געוואַלדיגע שפע.** דאָס איז די כח פון תורה. קענסט לערנען חומש, משניות, מאמרי חז״ל, ספרי חסידות. אָבער דאַרפסט לערנען געשמאַק אויפ׳ן קול, לערן ברציפות אן אויסרעדן אינמיטן, זיי עס מסביר און זאָג עס אַרויס. **אַזוי זאָלסטו לערנען און עס וועט קומען מער שפע,** וועסט דאָס זען בחוש!

## אַ בריק צו באַקומען אַ רצון אין תורה

אויב דער מענטש גלייבט דאָס באמת, ווייל ער זעט די מראי מקומות אינעווייניג, און נאָכדעם הערט ער נאָך פינף מעשיות פון מענטשן וואָס דערציילן: ״ביי מיר איז געווען אַזוי און ביי יענעם איז אויך אַזוי געווען, מ׳ווערט געהאָלפן דורך לערנען״. **דעמאָלט דינט דאָס ווי אַ געוואַלדיגע בריק וואָס ברענגט אַז זיינע רצונות זאלן אַריבערגיין צום לערנען.**

פּאַרוואָס? ווייל ער האָט יעצט ביידע רצונות. ער איז נאָך דערוויל פּאַרנומען מיט זיינע אַלטע רצונות. דאָס איז די מציאות. קענסט אים נישט זאָגן: "וואָס גייט דיך אָן, אבי געזונט"... ווייל דער מענטש זאָגט: "וואָס הייסט, ס'גייט מיר יאָ אָן מיין רצון! דו קענסט נישט אוועקנעמען מיין רצון".

דערפאַר זאָגט מען אים: איך גיי מיט דיר, כ'האַלט דיין האַנט. וואָס דאַרפסטו? זאָג מיר פּונקטליך.

דאַרפסט מער געלט יעדן חודש? דאַרפסט אַ דירה? דאַרפסט קינדער? געוואַלדיג. יעצט לאָמיר זען וואָס שטייט אין פסוק פון 'אם בחוקותי תלכו', און דער **אור החיים הק'** שמועסט אויס אין זיינע פשטים, אַז **אַלע השפעות קומען אַראָפּ פאַר איינער וואָס איז מקיים דעם 'שתהיו עמלים בתורה'**. ס'וועט זיין ממש אַ מחיה! אָבער ס'שטייט דאָרט 'אם בחוקותי תלכו'. דאָס וואָרט 'תלכו' איז טייטש אַז דו זאָלסט גיין מיט דער תורה, **זאָלסט לעבן דערמיט, זאָלסט זיך קאָכן דערמיט**. דעמאָלט וועסטו זען אַז דו וועסט באַקומען אַלעס וואָס דו דאַרפסט.

דאָס איז **די ערשטע שטאַפּל וויאַזוי אַ מענטש באַקומט התפעלות פון לערנען תורה**. יעצט וויל ער שוין אַליין צולייגן נאָך אַהאַלבע שעה צו לערנען מיט אַ חברותא, ער וויל מוסיף זיין אין כמות אָדער אין איכות התורה.

ג

# אם אתה רוצה - אתה מושל בו; דערהערן אַז תורה איז די גרעסטע הצלחה און הנאה

## די תורה איז אַ סם חיים וואָס באַשיצט

דאָס איז בעצם די טייטש פון דער באַקאַנטער גמרא (קידושין ל, ב): **תנו רבנן, ושמתם** (את דברי אלה על לבבכם) **- סם תם. נמשלה תורה כסם חיים.** די גמרא זאָגט דאָרט, אַז דאָס איז אַ משל צו אַ מענטש וואָס האָט געגעבן אַ מכה גדולה פאַר זיין זון. **והניח לו רטייה על מכתו** - און דערנאָך האָט דער טאַטע געלייגט אַ באַנדאַזש אויף זיין מכה.

**ואמר לו: בני, כל זמן שהרטייה זו על מכתך, אכול מה שהנאתך ושתה מה שהנאתך, ורחוץ בין בחמין בין בצונן, ואין אתה מתירא** - ווילאַנג די רפואה איז אויף דער מכה קענסטו עסן און טרונקן וואָס דו ווילסט, און קענסט זיך וואַשן סיי אין וואַרעם און סיי אין קאַלטס, און דו דאַרפסט נישט מורא האָבן.

**ואם אתה מעבירה, הרי היא מעלה נומי** - אויב וועסטו אַראָפּנעמען די רפואה, דעמאָלט קען זיך אָנזאַמלען דאָרט אומגעוואונטשענע זאַכן, און ס'קען ברענגען צער מיט יסורים.

## אַלעס ווענדט זיך אין דיין רצון

**כך הקב"ה אמר להם לישראל: בניי! בראתי יצר הרע ובראתי לו תורה תבלין, ואם אתם עוסקים בתורה, אין אתם נמסרים בידו, שנאמר: הלא אם תטיב שאת, ואם אין אתם עוסקין בתורה** - דאָ דאַרף מען צולייגן 'גם אם אתם עוסקים בכל מיני דברים חשובים, גם אם יש לכם תוארים נכבדים, וגם אם אתם נמצאים באמצע צרה, וגם אויב דו האסט אַ טראָומאַ פון דיין מגיד שיעור אין ישיבה... **אתם נמסרים בידו, שנאמר: לפתח חטאת רובץ. ולא עוד, אלא שכל משאו ומתנו בך** - דער יצר הרע וועט אַלעס אָפּלאָזן און עוסק זיין נאָר מיט דיר. **שנאמר: ואליך תשוקתו, ואם אתה רוצה - אתה מושל בו, שנאמר: ואתה תמשל בו.**

איר הערט ווערטער? **ואם אתה רוצה!** דאָס הייסט, אַלעס ווענדט זיך וואו דיין רצון איז! טראָכטדעם וואָס מיר ווייסן גוט ווי שטאַרק דער יצר הרע איז, און טראָכטדעם וואָס מיר ווייסן אַז ס'איז אַ שרעק וואָס דער יצר הרע קען מאַכן פון דעם מענטש. אָבער **אם אתה רוצה - אתה מושל בו!** און רש"י זאָגט פּשט: **ואם אתה רוצה - עסוק בתורה ואתה מושל בו.** פּאַרטיג! ס'איז נישטאָ קיין שום אַנדערע וועג. וואָס מיינט עסוק בתורה? **אַז די תורה זאָל זיין די זאַך וואָס דו ווילסט יעצט.**

## די ערשטע וועג אַריין, ברענגט נאָכדעם אַזאַ געשמאַק

די וועג וויאַזוי מ'הייבט אָן צו אַריינגיין אין דעם הרגש, איז ווען מ'פאַרשטייט אַז **לערנען תורה וועט מיך פּטר'ן פון אַלע פּראָבלעמען.** אויב מ'האָט נישט די הקדמה, וועט דער מענטש בכלל נישט אָנהויבן, ווייל ער זיצט אין אַן אַנדערע רצון.

הערשט שפּעטער, נאָכדעם וואָס דער מענטש האָט זיך אַביסל גערוקט, הייבט ער אָן פאַרשטיין אַז ס'לוינט זיך נישט צו לעבן אין דער נאַרישער וועלט פון גשמיות'דיגע רצונות. ווייל **ממה נפשך גייט ער זיין פאַרנומען מיט אַן 'עול'.** אָדער גייט ער האָבן אַן 'עול דרך ארץ', אָדער גייט ער האָבן אַן 'עול תורה'. ער גייט גאָרנישט פאַרדינען פון דעם 'עול דרך ארץ', ער גייט זיך נאר פּייניגן דערפון. **אויב אַזוי ווערט יעצט זיין רצון אַז "לאָמיר לעבן אין אַ וועלט פון געשמאַק"!**

## מיין הצלחה איז נאָך צען מינוט תורה

אין דער מינוט וואָס דיין רצון גייט זיין אינטערעסירט צו לערנען, **גייסטו שוין אויטאָמאַטיש אויך האָבן קאָנצענטראַציע.** און ווען דו וועסט האָבן קאָנצענטראַציע **וועסטו הנאה האָבן פון לימוד התורה.** דאָס איז אַ פּשוט'ע חשבון וואָס מענטשן דאַרפן בלויז כאַפּן.

הייב אָן צו ווערן פאַראינטערעסירט צו לערנען די משנה וואו דו האַלטסט יעצט. הייב אָן דערהערן אַז "איך בין מורא'דיג מצליח ווען איך לערן אַ משנה! איך האָב אַ נצחיות'דיגע הצלחה ווען איך בין מוסיף נאָך צען מינוט אינמיטן טאָג, כ'האָב ערגעץ וואו אַריינגעשטופּט איבריגע צען מינוט צו לערנען מיט אַ חברותא". דאָס לערנען האָט דעמאָלט אַן עקסטערע געשמאַק, ווייל ס'איז אַזאַ 'מים גנובים ימתקו' מצב... ס'איז ממש אַ מחי'. **"איך לערן תורה, ווייל איך פאַרשטיי אַז פון דאָרט קומט מיין גאַנצע חיות".**

וואָס פּאַסירט אַצינד איז, אַז **דאָס ווערט דיין רצון.** דו 'ווילסט' עס טון! די גרעסטע הצלחה פון אַ מענטש איז ווען ער קען נעמען זיינע הרגשים, און אַנשטאָט עס זאל ליגן אין צרות, זאָל עס ליגן אין לימוד התורה! **אַ זייטיגע בענעפיט וועט זיין אַז די צרות וועלן זיך שטעלן אין פּלאַץ.** דאָס וועט פּאַסירן בדרך אגב, ווייל ווען מ'טראַכט וועגן די צרה, ווערט די צרה נאָכמער פּראָבלעמאַטיש... אָבער ווען מ'לייגט אַריין די געפילן אין תורה, וועלן די צרות בעז"ה נעלם ווערן צוביסלעך.

## לאָז שוין אָפּ דעם פּראָבלעם...

אַמאָל איז דאָ אַ טאַטע וואָס מוטשט זיך מיט זיין בחור, און ער קען נישט מסיח דעת זיין פון ווייטאָג אויף וואָס זיין בחור טוט יעצט. וואָס טוט דער טאַטע? ער רעדט יעדן טאָג מיט דעם בחור: **וואָס וועט זיין מיט דיר? וואָס וועט זיין? די שכינה וויינט וועגן דיר, א.א.וו.**

דער פּאָטער זעט אָבער אַז גאָרנישט רוקט זיך נישט. שרייט ער ווייטער אויפ'ן בחור: **איך רעדט שוין מיט דיר אַזויפיל מאָל, און גאָרנישט, וואָס גייט זיין מיט דיר?** אַזוי גייט עס אן ערב בוקר וצהרים.

ביז דער טאַטע קומט אָן צו אַ מחנך מומחה, און יענער זאָגט אים: **דו ווילסט אים ביטע אָפּלאָזן? הער אויף רעדן מיט אים.** דו זיץ און לערן, דאַוון און טו וואָס מ'דאַרף. אַזוי איז דאָ אַן אויסזיכט אַז דאָס קינד זאל האָפנטליך אַליין ווערן אַ נאָרמאַלער מענטש.

דאָס זעלבע זאַך טוט אַ מענטש מיט זיינע אייגענע צרות. **ער זעצט זיך אַוועק יעדן טאָג און זאָגט: וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?** ער טוט אַזוי מיט זיינע גשמיות'דיגע צרות און ער טוט דאָס מיט זיינע רוחניות'דיגע צרות. דערויף זאָגט די גמרא: **ואם אתה רוצה - עסוק בתורה ואתה מושל בו.** דאָס גייט אַרויף אויף אַזאַ מענטש וואָס זיינע רצונות ליגן אין תאוות, זיינע רצונות ליגן אין דמיון, זיינע רצונות ליגן אין דורכפעלער וואָס ער האָט געהאַט. ער איז אַזוי פאַרנומען... דאָס ווערט אָנגערופן 'עול דרך ארץ'. **די אַלע יאוש געפילן ברענגען דיך ערגעץ?** די עצבות ברענגט דיך ערגעץ?

## שפּיר דעם תענוג פונעם ישיבה קטנה בחור

אַ איד דארף דערהערן אַז בשעת ווען איך זיץ און לערן געשמאַק, טו איך עררייכן דער תכלית פון אַלע תכליתים סיי בגשמיות און סיי ברוחניות! **אויב אַזוי, 'וויל' איך לערנען!** איך וויל מאַכן אַ סך הכל פון דער משנה. וויפיל יסודות האָט מען געלערנט אין דער משנה, מיט'ן זעלבן תענוג פון אַ ישיבה קטנה בחור...

וואָס איז די געשמאַק פון אַ ישיבה בחור? ווייל ער שפּירט אַז "איך ווער יעצט גדול הדור"! אַזוי האָט

דער משגיח געזאָגט אין זיין דרשה אָנהויב זמן, אַז ער גערענקט אַ בחור פון ישיבה קטנה שיעור ב׳ וואָס איז שפּעטער אויסגעשטיגן גאָר גרויס... אַ גאַנצע מעשה... דער בחור קומט אָן מיט זיין נייע ׳עוז והדר׳ גמרא, ער גיט אָבאַכט אַז ס׳זאָל נישט ווערן צעקנייטשט חלילה, און ער לערנט מיט זיין חברותא דעם ערשטן טאָג פונעם זמן מיט אַ דינערדיגע קול תורה, זייענדיג אַזוי איבערגענומען פון דעם געפיל אַז ער גייט יעצט ווערן גדול הדור.

ווען דו - אַלס יונגערמאַן מיט טרדות אויפ׳ן קאָפּ - רייסט זיך אַוועק צו לערנען סתם אַ משנה מיט דעם חשק פון אַ ישיבה קטנה בחור: ״איז וויפיל זאַכן האָבן מיר דאָ געלערנט אין דער משנה? וואָס האָט רש״י צוגעלייגט צו דער הבנה?״, **ביסטו יעצט דער גדול הדור!**

ווייל דאָס איז בעצם די תכלית. דו האַלטסט יעצט אינמיטן מקיים זיין יענעם תכלית. לערן נאָך אַ משנה, נאָך עטליכע שורות גמרא. פאַרוואָס ביסטו ווייניגער נתפעל דערפון? ווען אַ איד איז זוכה צו מאַכן אַ סיום אויף אַ מסכת, איז דאָס נישט קיין קלייניגקייט. **דאָס איז די תכלית. אַלע אַנדערע זאַכן זענען נאַרישקייטן.**

## אַז ס׳איז דאָ רצון, איז דאָ ריכוז המחשבה

ווען אַ איד הייבט אָן צו לעבן אַזוי, וועט זיין רצון ווערן געשטאַרקט, און **ממילא וועט זיין קאָנצענטראַציע אויך ווערן שטאַרקער**. דאָס גייט אודאי צוזאַמען. ווען ער דערמאַנט זיך פון זיינע צרות אינמיטן לערנען, זאָגט ער: **יעצט בשעת מעשה בין איך מסדר די פּראָבלעמען, ווייל איך זיץ און כ׳לערן די תורה!** איך טו די בעסטע זאַך וואָס כ׳קען טון צו לעזן דעם שוועריגקייט. ס׳איז דאָ עפּעס אַ בעסערע עצה וואָס איך קען טון?

געוויס טוט ער אויך זיין מינימאַלע השתדלות בדרך הטבע, אָבער בעיקר לייגט ער זיך אַריין אין לערנען, און דורכדעם ווערט זיין קאָנצענטראַציע שטאַרקער, און **אַז די כח הריכוז ווערט נתחזק הייבט מען אָן צו הנאה האָבן פון לערנען**. ס׳איז אַ מחי׳.

## אַלע שאלות ווערן פאַרשוואונדן

אַצינד וועסטו באַקומען דיין ענטפער. דו האסט געפרעגט דעם כולל יונגערמאַן: פאַרוואָס אינטערעסירט דיך די סוגיא פון ׳דינא דגרמי׳? וואָס איז עס נוגע פאַר דיר? דו האסט נישט קיין קינדער געבענטשטע משפחה? יעצט וועסטו צוקומען צו דער תשובה. ווייל **ווען מ׳איז קאָנצענטרירט, און די חושים זענען דערביי, דעמאָלט כאַפּט מען שוין זייער גוט פאַרוואָס ס׳איז מיר פערזענליך אַ נפקא מינה.** מען שפּירט די קדושה וואָס ליגט אונטער די ווערטער **און מ׳האָט הנאה.**

ווען מ׳שפּירט די הנאה פון לימוד התורה, **פאַרשטייט מען שוין אפילו נישט די שאלה.** וואָס האָסטו געוואָלט? אַז ס׳זאָל מיך אינטערעסירן צי מ׳האָט יאָ געקענט כאַפּן דעם דאָקטער צי נישט? דאָס קען איך אויך געוואויר ווערן אין פיר שעה אַרום. די אַלע טרדות פון עולם הזה טו איך נאר ווייל כ׳מוז עס טון. אָבער וואָס איז די הנאה דערפון?

איינמאָל אַ מענטש איז מחליט אַז דאָס ברענגט מיר תכלית, **וועט ער דאָס ׳וועלן׳ טון.** ער וועט זיין קאָנצענטרירט און ער וועט אַזוי שטאַרק הנאה האָבן. ער וועט שוין נישט האָבן קיין שום שאלות.

## נאָך אַן עצה: ליגן אין לערנען

באמת קען מען אַסאַך מאריך זיין אין דער סוגיא. מ׳האָט נאָר אויסגעשמועסט איינס פון די עצות וויאַזוי צו באַקומען אַן אינטערעסע אין לימוד התורה.

נאָך אַן עצה איז דערמאַנט געוואָרן בקיצור אין דעם לשון פון דעם פּירוש **תפארת ישראל** אויף משניות (**אבות א, טו**):, וואָס זאָגט אַז מ׳דאַרף לערנען מיט אַ קול און מיט אַלע חושים. מ׳זאָל אַריינגיין אין דער סוגיא און שפּירן די סברות וואָס די גמרא שמועסט אויס. ׳אמר ליה׳ - פאַרוואָס האָט ער געזאָגט אַזוי? וואָס איז יעצט בעסער? מ׳דאַרף לעבן און ליגן אין לערנען מיט אַלע חושים.

דער **ישמח משה** זאָגט אין פּרשת בראשית אַז די תענוג פון מחשבה איז די גרעסטע תענוג פון אַלע תענוגים. דאָס איז אַ געוואַלדיגע הנאה וואָס דורכדעם גיבסטו נייע שפּייז פאר דיין מח, און צוביסלעך וועט זיין ׳מעט מן האור דוחה הרבה מן החושך׳ - און כל שכן אויב ס׳איז דאָ **׳הרבה מן האור׳**, איז דאָס זיכער **׳דוחה הרבה מן החושך׳!**

# נקודה למחשבה

## ולא תתורו אחרי לבבכם; אונזער אַרבעט איז נאָר צו אָנהויבן טוישן די מחשבות

מתוך שיעור יום ראשון קורח כ״ז סיון תשע״ט

חז״ל זאָגן אויפ׳ן פּסוק אין פּרשת שלח: **׳ולא תתורו אחרי לבבכם - זו מינות ואחרי עיניכם - זו עריות׳.** איז באַקאַנט וואָס צדיקים טייטשן אַז דער עיקר עבודה פון אַ איד איז ״אחרי עיניכם״, **נאָכדעם וואָס מען האָט שוין געהאט אַ ראי׳ זאָל מען נישט ממשיך זיין, מען זאָל מסיח דעת זיין דערפון.**

דאָס זעלבע איז גילטיג אויך ביי די ענינים פון בטחון- ״אחרי לבבכם״, ווען ס׳קומט אַריין אַ מחשבה: ״איך בין אַ מוצלח, כ׳וועל דאָס קענען מאַכן ווייל כ׳האָב זיך שוין אַן עצה געגעבן ביז יעצט״, **איז אונזער אַרבעט דאָס צו געבן אַ טויש און זיך דערמאַנען: ״איך האָב יעצט געטראַכט נישט ריכטיג״!** ווען דער מענטש זאָגט דאָס האָט ער געטון וואָס ער דאַרף!

דער חובת הלבבות אין שער הבטחון רעדט צו אונז פּשוט׳ע מענטשן, און אודאי קענען מיר זיין ווייט דערפון, אָבער אַזויפיל פאַרלאַנגט מען פון אונז: **אַז מיר זאָלן גיין אין מלחמה!** דאָס הייסט אַז ווען ס׳קומט אַ מחשבה פון פאַלשע ׳בטחון׳; אַ מחשבה אַז מען פאַרלאָזט זיך אויף די אייגענע כשרונות אָדער מען פאַרלאָזט זיך אויף אַנדערע זאַכן און מענטשן, **זאָל מען דאָס גלייך פּרובירן צו טוישן!** מען זאָל זיך שלאָגן מיט יענע מחשבה און אַריינברענגען אין מח א פאַרקערטע מחשבה פון בטחון אין השי״ת.

מען פאָדערט נישט פון הימל אַז מיר זאָלן שוין גלייך זיין אויף אַזאַ הויכע מדריגה, אַז מיר זאָלן ממש נישט האָבן קיין שום בטחון נאר אין דעם רבוש״ע אליינס, אָבער מיר דאַרפן כאָטש וויסן אַז אַזעלכע מחשבות פון ׳בטחון בעצמו׳ קומען פון דעם סטרא אחרא און מיר זאָלן זיך קריגן דערמיט.


פטרון השבוע

יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

הגליון נתנדב לעילוי נשמתה של האשה החשובה
מרת **אלטא אסתר יכט** בן ר׳ **זאב** ע״ה
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד לימין הנדבן החשוב
להתברך בבני חיי ומזוני רוויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

ישלם ה׳ פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט:
718.387.1122
info@machonhavineini.com

קול הבינני
ארה״ב 718.686.8300
א״י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק
ביהמ״ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ״ד קראסנא לאקער #166
ביהמ״ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ״ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג:
ביהמ״ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ״ד בראשוב–לאקער 58
Central Market
ביהמ״ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ״ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי
ביהמ״ד סאטמאר Monsey 13
ביהמ״ד דעלעטין
ביהמ״ד ראדאשיץ– Airmont
ביהמ״ד דאמבראווא
ביהמ״ד ויואל משה סאטמאר
ביהמ״ד ווילעדניק
ביהמ״ד נצח ישראל–פארשעי
ביהמ״ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

קרית יואל
ביהמ״ד אהל פיגא
ביהמ״ד בית אלעזר
ביהמ״ד בית מנחם זאב
ביהמ״ד ישמח משה
ביהמ״ד אבני צדק
ביהמ״ד רב טוב
ביהמ״ד בית דוב

לאנדאן
ביהמ״ד סאטמאר 26 לאקער 42
ביהמ״ד וויזשניץ לונדון לאקאר 25
ביהמ״ד ביאלא 45 לאקער 33
ביהמ״ד בית התלמוד ליד הביהמ״ד
ביהמ״ד חברה ש״ס בביהמ״ד